**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול שלאגט פאר פארמערטע שטיצע און הילפס-מיטלען פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס

***אוועקשטעלן ראיאנישע דיסאביליטי קליניקס צו פארמערן צוטריט צו פאמיליע מעדיצין און ספעציאליזירטע קעיר***

***מאדערניזירן פארשונג אין אנטוויקלונג דיסאביליטיס און באעהרן די באדייט פון די Willowbrook אנשטאלט***

***שטיצן ביזנעסער וועלכע נעמען אויף ניו יארקער מיט דיסאביליטיס פאר ארבייטער דורך אויסגעברייטערטע סטעיט טעקס קרעדיט***

***פארמערן אוועילעביליטי פון Medicaid סערוויסעס פאר ווילטשעיר באניצער***

***אוועקשטעלן א פראבע פאר אן אמעריקאנע שטום לשון דאלמעטשער פעלאָושיפּ***

***אויספלאסטערן די וועג פאר נייע סארטן באהאנדלונגען פאר וואונדן צו די עמוד השדרה***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט נייע אינציאטיוון קאנצענטרירט צו פארמערן שטיצע פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס אלס טייל פון איר 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. די גאווערנער'ס פארשלאגן וועלן פארמערן שטיצע פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס אין די העלט קעיר סיסטעם, ביי די ארבעטספלאץ און דורך אויסגעברייטערטע פארגעשריטענע פארשונג געלעגנהייטן.

"עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן די טשאנס צו לעבן בכבוד, מיט זעלבסטשטענדיגקייט און געלעגנהייט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "צוזאמען וועלן מיר אראפברעכן מויערן — צי עס איז דורך בעסערע העלטקעיר, מער דזשאב געלעגנהייטן אדער פארבעסערטע באוועגונג מעגליכקייטן. די שריט זענען אן עניין פון גיבן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס די שטיצע וואס זיי דארפן צו בליהען, ווייל ווען מיר הויבן אויף יעדן איינעם מאכן מיר ניו יארק שטערקער פאר אלע."

**אוועקשטעלן ראיאנישע דיסאביליטי קליניקס**
מענטשן מיט דיסאביליטיס האבן די זעלבע פונדאמענטאלע העלטקעיר באדערפענישן ווי מענטשן אן דיסאביליטיס, אבער אפטמאל האבן זיי נידריגערע ראטעס פון פארמיידנדע אונטערזוכונגען און העכערע ראטעס פון קראנקהייטן. כדי צו רעדוצירן שטרויכלונגען צו באקומען העלט קעיר, וועט גאווערנער Hochul (האקול) דעזיגנירן און צושטעלן פינאנצירונג פאר ראיאנישע דיסאביליטי קליניקס

װעלכע װעלן זיך ספּעציאַליזירן אין דאָס צושטעלן פאַמיליע מעדיצין און ספּעציאַליזירטע קעיר פאַר מענטשן מיט אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס.

**מאָדערניזירן פאָרשונג פאַר דיסאַביליטיס און עפענען אַ לערנונג צענטער ביי די געוועזענע Willowbrook סטעיט סקול**
גאווערנער Hochul (האָקול) האָט אַנאָנסירט אַ 75 מיליאָן דאָלאַרדיגע אינוועסטירונג צו מאָדערניזירן די אינסטיטוט פאַר פונדאַמענטאַלע פאָרשונג (Institute for Basic Research, IBR) אין סטעטן איילענד, טייל פון ניו יאָרק סטעיט'ס אָפיס פאַר מענטשן מיט אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס ( Office for People With Developmental Disabilities, OPWDD). די פינאַנצירונג וועט אַוועקשטעלן אַ צענטראַלע גענעטישע פאָרשונג איינריכטונג (Genomics Core Facility) צו אידענטיפיצירן גענעטישע אורזאַכן פון אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס, פאַרשטערקערנדיג דיאַגנאָזע, באַהאַנדלונג און פאַרשטאַנד פון פאַרבינדענע געזונטהייט פּראָבלעמען. אין צוגאָב, וועט די IBR רענאָוואַציע אַריינרעכענען די פאַרוואַנדלונג פון די געוועזענע Willowbrook סטעיט סקול פּראָפּערטי צו ווערן אַ לערנונג צענטער, אָנערקענענדיג די היסטאָרישע באַדייט וואָס די געוועזענע איינוואוינער פון די Willowbrook אַנשטאַלט און זייערע פאַמיליע שתדלנים האָבן געהאַט ביים אָנהויבן ניו יאָרק סטעיט'ס דיסאַביליטי רעכטן באַוועגונג און ביים באַאיינפלוסן די אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס סערוויסעס צושטעלונג סיסטעם איבער דאָס לאַנד.

**אויסברייטערן די NYS טעקס קרעדיט פאַר ביזנעסער וועלכע נעמען אויף מענטשן מיט דיסאַביליטיס**
די אַרבייטער מיט דיסאַביליטיס באַשעפטיגונג טעקס קרעדיט ( Workers with Disabilities Employment Tax Credit) שטיצט ביזנעסער ביים אויפנעמען מענטשן מיט דיסאַביליטיס און מאַכן שכל'דיגע אַקאָמאָדאַציעס פאַר אַרבייטער מיט דיסאַביליטיס. גאווערנער Hochul (האָקול) האָט אַנאָנסירט פּלענער צו העכערן די מאַקסימאַלע טעקס קרעדיט פון $2,100 צו $5,000 און פּשוט'ער מאַכן די אַפּליקאַציע פּראָצעדור כדי צו פאַרמערן די צאָל ביזנעסער וועלכע נעמען ערפאָלגרייך אַריין אַרבייטער מיט דיסאַביליטיס.

**שטיצן באַוועגונג מעגליכקייטן פאַר מענטשן מיט פיזישע דיסאַביליטיס**
ווילטשעירס זענען פונדאַמענטאַל פאַר דיסעיבעלד מענטשן'ס ציווילע רעכטן, אויטאָנאָמיע, כבוד הבריות און זעלבסטשטענדיגקייט, ערלויבנדיג מענטשן מיט דיסאַביליטיס זיך צו באַטייליגן אין נויטיגע אַקטיוויטעטן און אין טאָג-טעגליכע לעבן. ווי קריטיש ווילטשעירס זענען נאָר — שטייען פילע מענטשן וואָס זענען איינגעשריבן אין Medicaid אויס אוימנויטיגע און פאַרמיידליכע שטערונגען ביים האָבן און אויפהאַלטן אַ פונקציאָנירנדע ווילטשעיר. כדי צו אַדרעסירן די שוועריגקייטן און העלפן ערפילן די סטעיט'ס אָנגייענדע פאַרפליכטונג צו מענטשן מיט פיזישע דיסאַביליטיס, וועט גאווערנער Hochul (האָקול) פאַרמערן ווילטשעיר צוטריט פאַר Medicaid מיטגלידער דורכן פאַרמערן די דעקונג ראַטעס פאַפאַר קלינישע ספּעציאַליזירטע אונטערזוכונגען צו צופּאַסן אַ נייע ווילטשעיר. דאָס וועט אויסברייטערן דעקונג פאַר פאַרריכטונגען פון געניצטע מאָטאָר ווילטשעירס, אין צוגאָב צו אויסברייטערן דעקונג פון רוטינע און פּראָבלעם-פאַרמיידנדע אויפהאַלטונג פון ווילטשעירס. דאָס וועט העלפן פאַרמיידן קאָסטליכע פּראָבלעמען, מינימיזירן די צייט ווי לאַנג די ווילטשעיר קען נישט גענוצט ווערן און פאַרלענגערן די יאָרן ווי לאַנג עס קען גענוצט ווערן. די ענדערונגען וועלן שטיצן די באַוועגונג מעגליכקייטן, געזונטהייט און זעלבסטשטענדיגקייט פון מעדיצינישע מיט פיזישע דיסאַביליטיס, אַוועקנעמען פאַרמיידליכע שטערונגען צו באַקומען נויטיגע מעדיצינישע עקוויפּמענט און באַפעסטיגן גאווערנער Hochul (האָקול)'ס פאַרפליכטונג צו שאַפן אַ מער אַריינגעמיגע אַטמאָספערע פאַר אַלע ניו יאָרקער.

**אַוועקשטעלן אַ פּראָבע פּאַר אַן ASL דאָלמעטשער פעלאָושיפּ**
גאווערנער Hochul (האָקול) ווייסט די שטאַרקייט און ווירדע פון ניו יאָרק'ס קאַמיוניטיס פון טויבע, טויב-בלינדע און שווער-הערנדע מענטשן. זי אָנערקענט די סטעיט-ברייטע שוועריגקייטן צו טרעפן גענוג

אמעריקאנע שטום לשון (American Sign Language, ASL) דאלמעטשערס צו אדרעסירן די קאמוניקאציע באדערפענישן פון די וועלכע פארלאנגען ASL דאלמעטשערס. ניו יארק מוטשעט זיך בכלל מיט אן ערנסטע מאנגל אין ASL דאלמעטשערס אינמיטן א נאציאנאלע מאנגל וואס גייט שוין אן פאר צענדליגע יארן. מיט די אנווייזונג פון די ניו יארק סטעיט טויבע, טויב-בלינדע און שווער-הערנדע מענטשן (Deaf, DeafBlind, Hard of Hearing, DDBHH) אפיס, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אין אנהויב פון 2024, וועט גאווערנער Hochul (האקול) בויען א לאקאליזירטע ASL דאלמעטשער פעלאָושיפ פראבע פראגראם צו פארמערן די צאל פון ערפאלגרייכע און פעהיגע ניו יארקע ASL דאלמעטשערס. דער פראבע פראגראם וועט מאכן שותפות'ן צווישן ערפארענע ASL דאלמעטשער מדריכים און נייע ASL דאלמעטשער פעלאָוס צו ערפאלגרייך ווייזן די וועג פאר די נייע ASL דאלמעטשערס מיטן אנטוויקלען פראפעסיאנאלע סקילס, זיך איינווארצלען אין ניו יארקע קאמיוניטיס און אנהאלטן די מעגליכקייט פון טויבע, טויב-בלינדע און שווער-הערנדע ניו יארקער וועלכע זענען אנגעוויזן אויף ASL דאלמעטשערס צו קענען זיין טייל פון די קאמיוניטי.

**אויספלאסטערן די וועג פאר נייע סארטן באהאנדלונגען פאר וואונדן צו די עמוד השדרה**
יעדעס יאר באקומען נאענט צו 1,300 ניו יארקער טראומאטישע וואונדן צו די עמוד השדרה. גאווערנער Hochul (האקול) וועט פארשלאגן א געזעץ צו אויסברייטערן די פארנעם פון קאנצענטראציע פון די עמוד השדרה וואונדן פארשונג באורד (Spinal Cord Injury Research Board). די ענדערונג וועט צולייגן קוואליטעט פון לעבן אנגעלעגנהייטן צו די פארנעם פון די באורד'ס ארבעט, ערלויבנדיג דערמיט פאר די באורד צו פינאנצירן נאך פארשונג צו פארבעסערן די פיזישע, גייסטישע און געזעלשאפטליכע וואוילזיין פון טויזנטע ניו יארקער מיט וואונדן צו די עמוד השדרה.

**אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (OPWDD) צייטווייליגע קאמישאנער, Willow Baer (ווילאָו בעיר), האט געזאגט,** "פאר נאך א יאר, רעכנט גאווערנער Hochul (האקול)'ס סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע אנאנסירונג אריין אינוועסטירונגען וועלכע וועלן שטיצן מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס אריבער די סטעיט. די אויסברייטערונג פון די OPWDD'ס אינסטיטוט פאר פונדאמענטאלע פארשונג וועט אוועקשטעלן א צענטראלע גענעטישע פארשונג איינריכטונג צו ערלויבן פאר פערזענליך-צוגעפאסטע אידענטיפיצירונג פון גענעטישע פראבלעמען וואס ליגן אונטער מענטשן'ס דיסאביליטיס און ערלויבן פאר מאדערניזירונג פון די איינריכטונג. אין צוגאב, וועט די געוועזענע Willowbrook סטעיט סקול פראפערטי איבערגעבויט ווערן און פארוואנדלט ווערן אין א לערנונג צענטער צו אנערקענען די היסטארישע באדייט וואס די געוועזענע איינוואוינער פון די Willowbrook אנשטאלט און זייערע פאמיליע שתדלנים האבן געהאט ביים אנהויבן ניו יארק סטעיט'ס דיסאביליטי רעכטן באוועגונג און ביים באאיינפלוסן די אנטוויקלונג דיסאביליטיס סערוויסעס צושטעלונג סיסטעם אריבער דאס לאנד. די פארגעשלאגענע אויסברייטערונג פון באשעפטיגונג טעקס קרעדיטס פאר ביזנעסער וועלכע נעמען אויף מענטשן מיט דיסאביליטיס איז אין איינשטימונג מיט אלעס וואס די סטעיט האט שוין אונטערגענומען [ביז היינט] צו מאכן ניו יארק פאר א סטעיט וואס לייגט באשעפטיגונג ערשט, און די פארבעסערטע צוטריט צו צאן געזונטהייט קעיר און דאס אוועקשטעלן ראיאנישע געזונטהייט קליניקס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס וועלן העלפן פארמאכן די לאך אין געזונטהייט גלייכקייט פאר די באפעלקערונג. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר די אינוועסטירונגען און פארן גיבן פריאריטעט פאר אנגעלעגנהייטן וואס זענען וויכטיג פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס."

**טשיעף דיסאביליטי אפיסער Kimberly Hill Ridley (קימבערלי היל רידלי) האט געזאגט,** "דורך די פילע איניציאטיוון וואס זענען געציהלט צו פארבעסערן עטליכע געביטן פון דאס לעבן פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס, האט גאווערנער Hochul (האקול) ווידעראמאל ארויסגעוויזן איר איבערגעגעבנקייט צו גיבן פריאריטעט פאר די באדערפענישן וואס מענטשן מיט דיסאביליטיס האבן יעדן איינציגסטן טאג. עס איז מיר אן עהרע צו קענען העלפן ארבעטן אויף די אינציאטיוון, און איך קוק ארויס צו ארבעטן דורכאויס 2025 צו ברענגען די נייע צוגענג צו אויסגעפירט ווערן. איך גלויב שטארק אז גיבנדיג פריאריטעט פאר די

באשעפטיגונג, געזונטהייט גערעכטיגקייט, די גאר באזייטיגטע טויבע, טויב-בלינדע און שווער-הערנדע קאמיוניטי און א רייע פון פארשונג פראיעקטן אין באציאונג צו דיסאביליטיס, צווישן אנדערע זאכן — וועט דאס יאר זיין אויסנאמליך פראדוקטיוו פאר ניו יארק'ס דיסאביליטי קאמיוניטי."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן